# GELIBENE SHRIFEN

Published @ 2017 Trieste Publishing Pty Ltd

ISBN 9780649591565

Gelibene shrifen by  Leonid Andreyev

Except for use in any review, the reproduction or utilisation of this work in whole or in part in any form by any electronic, mechanical or other means, now known or hereafter invented, including xerography, photocopying and recording, or in any information storage or retrieval system, is forbidden without the permission of the publisher, Trieste Publishing Pty Ltd, PO Box 1576 Collingwood, Victoria 3066 Australia.

All rights reserved.

Edited by Trieste Publishing Pty Ltd.
Cover @ 2017

This book is sold subject to the condition that it shall not, by way of trade or otherwise, be lent, re-sold, hired out, or otherwise circulated without the publisher's prior consent in any form or binding or cover other than that in which it is published and without a similar condition including this condition being imposed on the subsequent purchaser.

www.triestepublishing.com

LEONID ANDREYEV

# GELIBENE SHRIFEN

Trieste

באַרג פון הרוגים, פאַסקודנע, עיפּוש׳דיגע, שמוציגע גופים, לאָזען וויסען דעם פאָלק, אז דו האָסט דאָס ערמאָרדעט דור׳ן און מענשען — וועט מען מיר גלויבען. (קייכט פאַר געלעכטער.) — ביי דיר איז דאָך שוין אזא שלעכטער שם: אַ שם פון אַ ליגנער — אַן אַבנאַרשר — אַ מערדער. אדיע.

(גערהט אַב מיט אַ געלעכטער. עס הערט זיך נאָך אַמאָל פון דער טיעפענים זיין קייכענדען געלעכטער, און אַלעס ווערט איינגעשטירט אין שוויינגען.)

פאַרהאַנג

עמיצער: ניין. קיין מאָל נים. מיין פּנים איז אָפען — נור דו זעהסט איהם נים. מיין שפּראַך איז הויך — נור דו הערסט זי ניט; מיינע נעבאָט זיינען קלאָר — נור דו ווייסט זיי נים, אשמדאי. און דו ווערסט קיין מאָל ניט דערזעהען — און ווערסט קיין מאָל נים דערהערען — און ווערסט זיך קיינמאָל נים דערוויסען, אשמדאי — אונגליקליכער גייסט אונשטערבליכער אין צאָהלען; אייביג לעבענ־דער אין טאָג און וואָג, אבער נאָך נים געבאָרענער פאר דאָס לעבען.

(אשמדאי שפּרינגט אויף.)

אשמדאי: דו זאָגסט ליגען, — שווייגענדער הונד, דו גזלן, וואָס האָט נערויבט דעם אמת ביי דער וועלט, וואָס האָט מיט אייזען פערצאַמט דעם אריינגאַנג אריע — איך ליעב אָן עהרליכעס שפּיעל, און דאָס פערשפּיעלטע גיב איך אָב. און אויב דו ווערסט נים אָבגעבען — וועל איך זיך פאר דעם גאַנצען וועלטמאָלל צושרייען: ראַטעוועט, מען האָט מיך בע'גזל'ט!...

(צולאַכט זיך, פייפט אונטער, טרעט אָב עטליכע טרים — און נים זיך אַ קעהר צוריק, זאָרגלאָז.)

איך האָב נים וואָס צו טהון, שפּאַציער איך אַרום איבער דער וועלט. ווייסט דו וואוהין איך נעה איצט? איך וועל נעהן צו דוד־לייזער'ן אויפ'ן קבר. ווי אַ טרויערנדע אלמנה, ווי אַ זוהן פון אַ פאָטער, וואָס איז ערמאָרדעט נעוואָרען פון הינטען אַרום מיט אַ פער־רעטהערישען שלאַנג — וועל איך זיך זעצען אויף דוד־לייזער'ס קבר און וועל וויינען אזוי ביטערליך, און וועל שרייען אזוי הויך, און וועל רופען אזוי מורא'דיג, אז עס וועט אויף דער וועלט נים בלייבען קיין איין עהרליבע זעעלע, וועלכע זאָל נים פערפלוכען דעם רוצח. און פערליערענדיג דעם זינען פון יסורים, וועל איך אַנווייזען רעכטס און לינקס: האָט דאָס נים דער ערמאָרדעט? האָט דאָס ניט דער נעהאָלפען דער בלוטיגער רציחה? האָט נים דער נע־מסר'ט? איך וועל וויינען אזוי ביטער, איך וועל אָנקלאָגען אזוי שווידערליך, אז אַלע אויף דער ערד וועלען ווערען מערדער און תליינים —אין'ם נאָמען פון לייזער'ן אין נאָמען פון דוד לייזער, אין'ם נאָמען פון דוד, דער ערפרעהער פון מענשען! און ווען איך וועל פון דעם

פייער: עס איז פאראן א רויטער פייער, פאראן געלער פייער, פאראן ווייסער פייער, אויף וועלכן די זון ווערט צוברענט ווי געלער שטרוי — און עס איז פאראן נאך אן אנדערער, אן אומבעוואוסטער פייער, דעם נאמען פון וועלכן קיינער ווייס ניט — ווארום עס איז קיין גרענעץ אוועקגעלעגט געווארן דער צוצונטערונג פון פייער. און דוד, דער אומגעקומענער אין צאהלען, דער טויטער אין מאס און אין וואג, האט ערדייכט אומשטערבליכקייט אין דער אומשטערבליכקייט פון פייער.

אשמדאי: דו לאינסט ווידער! (צאפעלט זיך אויף דער ערד אין פערצווייפלונג.) א, ווער וועט דאך העלכען דעם עהרליכען אשמדאי? אייביג נארט מען איהם. יא, ווער וועט העלפען דעם אונגליקליכען אשמדאי, זיין אומשטערבליכקייט איז שווינדעל. אך, ווייגט, ליעבהאבער פון טיפעל, יאמערט און זארגט, איהר שטרעבער צום אמת, שעצער פון שכל, מען בעשווינדעלט איהם אייביג. איך האב געוואונען, און ער נעהמט אב. איך האב געזיעגט, און ער שמייערט דעם זיעגער אין קייטען; ער שטעכט אויס די אויגען דעם העלשער; דעם מוטווילינגן גיט ער הינדישע שטיקלעך — א דרעהענדינגען און טרייסלענדען עק. דוד, דוד, איך בין דיר געווען א פריינד, זאג איהם, אז ער לאיגט!

(לענט דעם קאפ אויף די אויסגעצויגענע הענד אזוי ווי א הונד און יאמערט ביטערליך.)

וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? האט מען איהם אפשר מיט שטיינער דערשלאגען — ליענט ער אפשר אין טהאל מיט נבלות — — אך, דאס ליכט איבער דער וועלט איז פערלאשען געווארען, אך, קיין אויגען איז ביי דער וועלט ניטא — ווארענעס האבען זיי אויסגעפיקט... וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? (יאמערליך.) — זאג, וועט זיך אשמדאי דערוויסען דעם אמת?

עמיצער: ניין.

אשמדאי: זאג, וועט אשמדאי ווען דערזעהען די טויערן געעפענטע? וועל איך ווען דערזעהען דיין פנים?

איבער דער שטום־לאָזינקייט און אומטערטהעניגקייט פון א שקלאַף ?

(ער רעדט טרויעריג, מיט דער בייגקשאַפט פון אונשטערב־ליכער בלינדקייט.)

אשמדאי : איך בין מיעד פון זוכען. איך בין מיעד געוואָרען צו לעבען און מאַטערן זיך פרוכטלאָז, צו יאָגען זיך נאָך דאָס איביג פערשוואונדענע. גיב מיר טויט — נור ניט פייניג מיך מיט ניט־וויסען. ענטפער מיר עהרליך, ווי עהרליך איך בין אין מיין טרידה פון א שקלאַף. האָט דען דוד ניט געליעבט ? — ענטפער. און האָט מען דען ניט מיט שטיינער דער׳הרג׳עט דוד׳ן, ווען ער האָט זיין נשמה אוועקגעגעבען ? — ענטפער.

עמיצער : יא מיט שטיינער האָט מען דער׳הרג׳עט דוד׳ן, וואָס האָט זיין נשמה אוועקגעגעבען.

אשמדאי (לאַבענדיג פינסטער) : דערווייל ביזט דו עהרליך און ענטפערסט בעשיידען. אבער ניט שטילענדיג דעם הונגער פון די הונגעריגע, ניט מאַכענדיג די בלינדע זעהענדיג, ניט צוריק־קעהרענדיג לעבען צו די אונשולדיג־געשטאָרבענע ; ברענגענדיג קריעגעריי, און האַמפעריי, און אכזר׳ישע בלוטפערגיסונג, וואָרום עס האָבען זיך שוין ערהויבען די מענשען איינע געגען די אנדערע און טהון געוואַלדטהאַטען אין דוד׳ס נאָמען, הרג׳ענען און ראַבעווען — — — האָט דען דוד ניט בעוויעזען ווי מאַכטלאָז איז די ליעבע, און האָט ער דען ניט געשאַפען פיעל שלעכטעס, וואָס מען קען ניט צאָהלען אויסצעהלען און מיט א מאָס אויסמעסטען ?

עמיצער : יא. דוד האָט געמאַכט דאָס, וועגען וואָס דו רעדסט, און מענשען האָבען געטהאָן דאָס, אין וואָס דו מאַכסט די מענשען פאָרווירפע. און עס לאָיגען ניט די צאָהלען, און ריכטיג איז די וואָג, און יעדער מאָס איז דאָס, וואָס זי איז.

אשמדאי (טריאומפירענד) : דו רעדסט !

עמיצער : אבער ניט מיט מאָס ווערט אויסגעמאָסטען און ניט מיט צאָהל ווערט אויסגעצעהלט, און ניט מיט וואָג ווערט געוואויגען דאָס, וואָס דו ווייסט ניט, אשמדאי. דאָס ליבט האָט קיין שיעור ניט, און עס איז קיין גרענעץ ניטאָ דער צוזונגטערונג פון

דעם נאָמען! דעם נאָמען פון יענעם, וועלכער האָט אומגעבראַכט דוד'ן און טויזנטער מענשען! איך בין אשמדאי, ביי מיר איז נישטאָ קיין הארץ; אויף דעם פייער פון גיהנום זיינען אויסגעטריי־קענט געוואָרען מיינע אויגען און נישטאָ אין זיי קיין טרערען, אָבער אויב זיי וואָלטען ביי מיר געווען, איך וואָלט זיי אַלע אוועקגעגעבען פאַר דוד'ן. איך האָב קיין הארץ ניט, אָבער עס איז געווען אַן אויגענבליק, ווען עפּעס לעבעדיגעס האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן אין מיין ברוסט, און איך האָב זיך דערשראָקען: קען דען אַ הארץ געבאָרען ווערען? איך האָב געזעהען, ווי דוד איז אומגעקומען און מיט איהם טויזענדע מענשען; איך האָב געזעהען ווי אין דעם תהום פון ניט־זיין, אין מיין דירה פון חושך און טויט איז אַראָבגעשליידערט געוואָרען זיין גייסט, אַ שוואַרצער, רחמנות'דיג צוטיפּגעררעהט, אַזוי ווי אַ גע'פגר'טער וואָרים אויף דער זון... זאָג, האָסט דו דאָס ניט אומגעבראַכט דוד'ן?

עמיצער, שומר פון אַריינגאַנג: דוד האָט ערורייכט אונ־שטערבליכקייט, און ער לעבט אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכ־קייט פון פייער. דוד האָט ערורייכט אונשטערבליכקייט, און ער לעבט אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פון ליבט„ וואָס דאָס איז לעבען.

(אַ געטראָפענער פאַלט אשמדאי צו דער ערד און ליעגט אין רגע אונבעוועגליך. הייבט דערנאָך אויף דעם קאָפּ, אַ צובייזטען ווי ביי אַ שלאַנג — שטעהט אויף און רעדט מיט דער רוהינקייט פון אונבעגרענצטען בעס.)

אשמדאי: דאָס איז שקר! זיי מיר מוחל פאַר מיין חוצפּה, אָבער דו לאַינסט. געוויס, דיין מאַכט איז אָהן אַ שיעור — אין אפילו אַ גע'פגר'טען וואָרים, וואָס איז שוואַרץ געוואָרען פון דער זון, קענסט דו געבען אונשטערבליכקייט. וועט דאָס אָבער זיין אַ יושר? אָדער עס פאַלשעווען די צאָהלען, צו וועלכע אויך דו ביזט אונטערוואָרפען? אָדער אַלע וואָגען ווייזען פאַלש, און די גאַנצע וועלט דיינע איז בלויז איין דורכאויסיגער שקר? און אכזר'ישעס און ווילדעס שפּיעל אין געזעצע, אַ בייזער געלעכטער פון אַ רעספּאָס

קיין פריזע, ווי א שלעכטער מוזיקאנט, צו בעהאלטען זיך מיט זיינע ספיקות, און זיין העסליכען פחד אין א געדיכטער מאסע פון ליצנות, און הויכען געשריי און שנעלע זשעסטיקולאציעס. ער טופעט מיט'ן פוס און שרייט כלומרשט מיט א בייזען קול.

אשמדאי: פאר וואס זיינען ניטא קיין טרומייטען און קיין פאראד? פאר וואס זיינען פערמאכט דיזע אלטע, פערראסטע טויערן, און קיינער ניט מיר ניט די שליסלען? נעהמט מען דען אזוי אויף אין אנשטענדיגע קרייזען אן אנגעזעהענעם גאסט, דעם הערשערליכען פירסט פון אונזער פריינדליכער ערד? בלויז איין איינגעשלאפענער שווייצאר, ווי עס שיינט, און ווייטער קיינער ניט. שלעכט! שלעכט!

(קייכט פון געלעכטער, ציהט זיך, געניצט און זעצט זיך צו אויף א שטיין. רעדט זאנפט, מאניערליך און מיעד.)

אבער איך יאג זיך ניט נאך כבוד. טרומייטען, בלומען און קולות, דאס זיינען דאך אלץ פוסטע זאכען. איך האב אליין געהערט, ווי מען האט אמאל געטרומייטערט א גרויסען שם פאר רוד־לייזער'ן — וואס איז דערפון ארויסגעקומען? (ער זיפצט.) טרויעריג א טראכט צו טהון. (פייפט אומעטיג.) דו האסט דאך מסתמא געהערט, וואס פאר אן אונאנגענעהמליכקייט עס האט געטראפען מיין פריינד? עס געדענקט זיך מיר, אז ווען מיר האבען לעצטען מאל גפלוידערט מיט דיר, האסט דו נאך פון דעם נאמען ניט געוואוסט... אבער איצט ווייסט דו איהם שוין? א שטאלצער נאמען! ווען איך האב פערלאזען די ערד, האט די גאנצע ערד מיט מיליאנען הונגעריגע העלזער אויסגעשריען דיזען בעריהמטען נאמען: דוד — א שווינדלער! דוד — א מוסר! דוד — א ליגנער! מיר האט זיך דערביי אויסגעוויזען, אז זיי מאכען בעת מעשה פארווירפע נאך ווערען — ניט פון זיין איינענעם נאמען האט דאך געווירקט אזוי אונפארזיכטיג מיין עהרליכער, אונשעד־ליכער, אומגעקומענער פריינד.

(דער ע ס י צ ע ר שווייגט, און אשמדאי שרייט, אטהמענ־דיג בייז און שוין מיט א ניט־פערשטעלטען טריאומף.)

## זיבעטעס בילד.

קיין זאך איז ניט פארגעקומען. קיין זאך האט זיך ניט געענדערט. נאך אלץ אזוי דריקען די ערד די אייזערנע, פון אייביג געשלאסענע טויערן, הינטער וועלכע עס וואוינט שווייגזאם און געהייםניספול דער אנפאנג פון יעדער זיין, דער גרויסער שבל פון וועלט־אלל. און נאך אלץ אזוי שווייגענד און מורא׳דיג איז דער עמיצער, וואס בעוואכט דעם אריינגאנג, — קיין זאך איז ניט פארגעקומען, קיין זאך האט זיך ניט געענדערט.

שרעקליך איז דאס גרויע ליכט, שטום ווי די גרויע שטיינער, שרעקליך איז דער פלאץ — אבער אשטדאי האט איהם ליעב. און אם ווייזט ער זיך ווידער; אבער ער קריכט ניט אויפ׳ן בויך, ווי א הונד; בעהאלט זיך ניט אונטער די שטיינער, ווי א גנב. — אלס א זיעגער מיט א גדלות׳דיגען טראט, מיט לאנגזאמער וויכטיגקייט אין זיינע בעוועגונגען זוכט ער פערפעסטיגען זיין נצחון. נור אזוי ווי דער טייפעל קען דאך קיין מאל ניט זיין א גערעכטיגער און עס איז ניטא קיין סוף צו זיינע ספיקות, טראגט ער דארום אויף אהער אריין זיין אייביגע צושפאלטונג, זיין אייביגע דאפעלטקייט; געהט ווי א זיעגער, און אליין האט ער מורא; פערווארפט דעם קאפ הויך אזוי ווי א הערשער, און לאכט אליין פון זיין איבערטריבענער וויכטיגקייט; א טרויעריגער, בייזער ליץ און ביינקט נאך גדולה; א געצוואונגענער צו לאכען און האסט געלעכטער.

אזוי דערנעהט ער ניט איבערטריבענער גדלות ביז׳ן מיטען פון בארג, און ווארט מיט א שטאלצער פאוע. נור די שווייגזאמקייט צופרעסט זיין אונזיכערע גדלות, ווי פייער טרוקענע האלץ, — און ער איילט זיך שוין, ניט אויסהאלטענדיג אפילו